**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/1/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**דורכאויס מעיפל מאנאט, שטרייכט גאווערנער האקול אונטער ניו יארק'ס בליענדע מעיפל אינדוסטרי**

***מוטיגט ניו יארקער אנטייל צו נעמען אין ספעציעלע סעילס דורכאויס מערץ און מעיפל וויקענדס מערץ 16 - מערץ 17 און מערץ 23 - מערץ 24***

***ניו יארק סטעיט איז די צווייט-גרעסטע מעיפל פראדוצירער אינעם לאנד.***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמוטיגט ניו יארקער צו שטיצן זייערע לאקאלע מעיפל פראדוצירער דורכאויס מעיפל מאנאט. די גאווערנער האט אונטערגעשטרייכט ניו יארק'ס בעפארשטייענדע מעיפל וויקענדס געשעענישן און אקטיוויטעטן, וועלכע וועלן פארקומען מערץ 16 - מערץ 17 און מערץ 23 - מערץ 24, צוזאמען מיט אנדערע ספעציעלע געשעענישן און סעילס דורכאויס די מאנאט. ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו זיין די צווייט-גרעסטע מעיפל פראדוצירער אינעם לאנד און איז אויך היים צו די גרעסטע קוואל פון מעיפלביימער פון וועלכע מען קען ארויסנעמען זאפט אין די פאראייניגטע שטאטן און מער פון 2,000 מעיפל צוקער פראדוצירער.

"מיט מעיפל מאנאט אפיציעל אונטערוועגנס, איז נישט דא א בעסערע צייט צו שטיצן אונזערע לאקאלע ניו יארק מעיפל פראדוצירער," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק סטעיט פארמאגט א קאמיוניטי וואס ארבעט גאר שווער צו פראדוצירן מעיפל און מאכן טייל פון די געשמאקסטע און מערסטע פארגעשריטענע מעיפל פראדוקטן אין די גאנצע וועלט. איך מוטיג אלע ניו יארקער צו אנטיילנעמען אין די מעיפל וויקענדס דעם מאנאט צו אויספרובירן טייל פון די ערשט-קלאסיגע פראדוקטן וואס די לאקאלע פירמעס שטעלן צו."

אלץ טייל פון די אנהויב טרייבונגען צו מעיפל מאנאט, האט דער ניו יארק סטעיט אגריקולטוראלע און מארקעטס דעפארטמענט קאמישאנער ריטשערד א. באל באזוכט [דאטש היל מעיפל](), א פאמיליע-געאייגנטע פארם אין טולי, ניו יארק פאר א יערליכע מעיפל בוים אויסזאפונג צו אונטערשטרייכן ניו יארק'ס מעיפל אינדוסטרי און די מעיפל פראדוצירער וואס נעמען אנטייל אין די ניו יארק סטעיט געוואקסן און סערטיפייד פראגראם. די געשעעניש האט אויך אריינגענומען א שטריק-שניידן צערעמאניע פאר דאטש היל מעיפל'ס נייע צוקער הויז, וואס איז פארענדיגט געווארן אין 2023.

**ניו יארק סטעיט אגריקולטור קאמישאנער ריטשערד באל האט געזאגט,** "יעדע יאר אין מערץ, פייערן מיר מעיפל, די ערשטע אגריקולטוראלע געוואוקס אין ניו יארק סטעיט'ס געשמאקע הארוועסט סעזאן! א דאנק אונזערע איבערגעגעבענע מעיפל פראדוצירער, אריינרעכענענדיג די וועלכע זענען אין אונזער NYS געוואקסן און סערטיפייד פראגראם, זעצט ניו יארק פאר צו זיין א הויפט מעיפל פראדוצירער אינעם לאנד, וואס געבט צו זייער אסאך צו אונזערע לאקאלע קאמיוניטיס און עקאנאמיעס. יעצט אז די זיסע סעזאן איז

אפיציעל אונטערוועגנס, איז עס די בעסטע צייט צו באזוכן א לאקאלע מעיפל פראדוצירער, אויסגעפונען מער איבער די פראצעדור פון מאכן סירופ, און אויספראבירן אפאר געשמאקע ניו יארק פראדוקטן".

**מעיפל וויקענדס**
דורכאויס די מאנאט פון מערץ יעדע יאר, און באזונדערס די לעצטע צווייי וויקענדס פונעם מאנאט, עפענען מעיפל פארמס ארום די סטעיט זייערע טירן פאר די פובליק צו געבן א געלעגנהייט צו אויספראבירן ריינע מעיפל סירופ, גראד פון די מקור, און דערשפירן די אייגנארטיגע פאמיליע טראדיציע פון מאכן מעיפל סירופ אין ניו יארק סטעיט. פראדוצירער שטעלן צו טורס און פענקעיק פרישטאגס, פארקויפן מעיפל פראדוקטן, און ווייזן די סירופ-פראדוקציע פראצעדור וואס רעכנט אריין די טראדיציאנאלע סיסטעם פון אויפהענגען עמערס אויף ביימער אדער מער מאדערנע מיטלען פון פראדוקציע וועלכע נוצן וואקום סיסטעמען צו ארויסזאפן מער זאפט פון יעדע בוים. א ליסטע פון מעיפל וויקענד געשעענישן וואס קען דורכגעזוכט ווערן איז אוועילעבל אויף [mapleweekend.nysmaple.com](mapleweekend.nysmaple.com).

**מעיפל סעילס**
ניו יארק'ס Taste NY מארקעטס אריבער די סטעיט שטעלן ארויס אייגנארטיגע לאקאלע מעיפל פראדוקטן און פראדוצירער דורכאויס דעם מאנאט פון מערץ. עטליכע מארקעטס האבן ספעציעלע סעילס, אריינרעכענענדיג 20 פראצענט אראפ פאר אלע מעיפל און מעיפל-ענליכע פראדוקטן ביי די האדסאן וואלי | קעטסקילס וועלקאם צענטער, א סעיל אויף פענקעיק פרישטאגס פאר די גאנצע מאנאט ביי די פינגער לעיקס וועלקאם צענטער, ספעציעלע פראדוקטן אויספראווון ביי די קאפיטעל ראיאן וועלקאם צענטער, און נאך. פאר א פולע ליסטע פון ספעציעלע מעיפל סעילס און פארשטעלונגען אנגעפירט דורך Taste NY, באזוכט [דא](דא).

דאטש היל מעיפל איז איינס פון די נאנט צו 150 מעיפל צוקערמאכער וועלכע וועלן אנפירן מעיפל וויקענדס, און העלפן שטיצן אגרי-טוריסם ארום ניו יארק סטעיט. נעיט וויליאמס, וועלכער איז אויפגעוואקסן מיט די באליבטע פאמיליע טראדיציע פון מאכן מעיפל סירופ יעדע יאר מיט זיין טאטע און ברודער, האט אפגעקויפט די פראפערטי וואס איז שפעטער געווארן דאטש היל מעיפל אין 2014 מיט זיין ווייב און שותף קריסטי. אין 2022, האבן זיי אנגעהויבן בויען א שפאגל-נייע צוקערהויז צו קענען בעסער נאכקומען די פארלאנג פון זייער ביזנעס, און אין זייער 2023 סעזאן, האבן נעיט און קריסטי פראדוצירט איבער 5,000 גאלאן פון מעיפל סירופ, זייער העכסטע צאל פראדוקציע ביז'ן היינטיגן טאג. מיט דעם אז די 2024 מעיפל סעזאן צייכנט אפ דאס ערשטע יאר פון מאכן סירופ אין זייער נייע צוקערהויז, האפן די וויליאמס צו ווייטער פארברייטערן פראדוקציע.

**דאטש היל מעיפל אייגנטומער קריסטי און נעיטען וויליאמס האבן געזאגט**, "דאס איז א גאר פרייליכע צייט פון יאר פאר מעיפל פראדוצירער ארום די סטעיט, וויבאלד מעיפל ביימער ווערן אויפגעלעבט מיט די פלוס פון זאפט, וואס ווערט דאן אויסגעארבעט צו ווערן פיינע זיסע מעיפל סירופ. מעיפל וויקענדס שטעלט צו א וואנדערבארע, פאמיליע-פריינטליכע געלעגנהייט ארויסצוקומען און זיך טרעפן מיט די געטריבענע צוקער מאכער וועלכע שטייען אונטער דעם באטל אויף אייער פרישטאג טיש, זיך לערנען וויאזוי מעיפל סירופ ווערט געמאכט אין אייער "הויף," און די וויכטיגסטע, קאסטן פיינע מעיפל פראדוקטן גלייך ביי די מקור. מיר האפן אז איר וועט אנטייל נעמען און לעבן אלעס וואס ניו יארק מעיפל האט צוצושטעלן!"

דאטש היל מעיפל נעמט אויך אנטייל אין די ניו יארק סטעיט געוואקסן און סערטיפייד פראגראם, וואס שטיצט פארמס וואס האלטן זיך צו א הויכע סטאנדארט פאר עסן זיכערהייט און ענווייראנמענטאלע פריינטליכע פראקטיקן. איבער 90 מעיפל פראדוצירער נעמען אנטייל אין NYS געוואקסן און סערטיפייד, וואס באשטעטיגט ניו יארק'ס אגריקולטורישע פראדוצירער און פארמערס וועלכע האלטן זיך צו עסן זיכערהייט און ענווייראמענטאלע שטארקייט סטאנדארטן. טרעפט די לעצטע ליסטע פון מעיפל

פראדוצירער וועלכע זענען טייל פון דעם NYS גערוואקסן און סערטיפייד פראגראם אויף https://certified.ny.gov/wheretobuy.

איבער 90 מעיפל פראדוצירער נעמען אנטייל אין די NYS געוואקסן און סערטיפייד פראגראם, וואס באשטעטיגט ניו יארק'ס אגריקולטורישע פראדוצירער און פארמערס וועלכע האלטן זיך צו עסן זיכערהייט און ענווייראמענטאלע שטארקייט סטאנדארטן. טרעפט די לעצטע ליסטע פון מעיפל פראדוצירער וועלכע זענען טייל פון דעם NYS געוואקסן און סערטיפייד פראגראם אויף certified.ny.gov/where-buy.

**סטעיט סענאטאר מישעל הינטשי האט געזאגט,** "ניו יארק איז היים צו איבער 2,000 צוקער מאכער, און מיר האלטן שטאלצערהייט דעם טיטל אלץ די לאנד'ס גרעסטע ריסאורס פון מעיפל ביימער וואס מען קען אויסזאפן! פאמיליע-געאייגנטע ביזנעסער זענען די הארץ פון די שנעל-וואקסנדע אינדוסטרי, און זייערע באמיאונגען האבן געשטעלט ניו יארק ביים פארנט פון דעם אגריקולטוראלע ספעציעלקייט. מיר ווילן אז אונזער מעיפל ביזנעסער זאלן ווייטער בליען, און דורכאויס מעיפל מאנאט, קען יעדער נעמען א טייל דורך באזוכן צוקער ערטער ארום ניו יארק סטעיט איינצוקויפן פיינע איבערבייסן און זען די פראצעדור פון לאקאלע מעיפל פראדוקציע!"

**סטעיט סענאטאר רעיטשעל מעי האט געזאגט,** "ניו יארק איז א פירנדע אגריקולטוראלע סטעיט צוליב איר פראדוקציע פון עטליכע צוגאבעס, ארייננגערעכנט מעיפל סירופ. די פיינע ניו יארק מסורה שטעלט צו אן איינקונפט פאר אסאך פון אונזערע פארמערס, שטיצט די לאקאלע עקאנאמיע, בארייכערט אונזערע קאמיוניטיס, און לייגט צו טעם צו אסאך פון די עסנווארג וואס מיר געניסן פון. עס איז געשמאק צו אנהויבן מעיפל מאנאט מיט באזוכן א לאקאלע פארם אין צענטראלע ניו יארק וואס זאפט שוין אויס מעיפל ביימער פאר יארן; זייער געשיכטע און די פון אנדערע ווייזן ווי טיף איינגעווארצלט מעיפל פראדוקציע איז אין אונזער סטעיט. לאמיר פייערן מעיפל מאנאט דורך געניסן פון די זיסע איבערבייס און שטיצן אונזער לאקאלע מעיפל פאבריצירער."

**אסעמבלי מיטגלידער דאנא לופארדא האט געזאגט,** "מעיפל וויקענדס אין מערץ זאל נישט פארפאסט ווערן, אינעם צייט וואס 150 מעיפל צוקער מאכערס' פארמס עפענען זייערע טירן פאר באזוכער. עס איז א גוואלדיגע געלעגנהייט צו מיטלעבן אלעס וואס גייט אריין אין פראדוצירן מעיפל סירופ, און צו געניסן פון אנדערע מעיפל פראדוקטן. מיר זענען זייער שטאלץ צו שטיצן ניו יארק'ס מעיפל אינדוסטרי און באדאנקען די איבער 2,000 צוקער מאכערס פאר די אלע ארבעט וואס גייט אריין אין פראדוצירן די וועלט-בארימטע פראדוקט."

**אסעמבלי מיטגלידער דזשאן לעמאנדעס האט געזאגט,** "מערץ איז א צייט צו פייערן די ברייטע ערררייכונגען פון ניו יארק'ס מעיפל אינדוסטרי. נישט נאר איז ניו יארק סטעיט די היים צו די גרעסטע מקור פון מעיפל ביימער וואס מען קען אויסזאפן אין די גאנצע לאנד, נאר עס איז אויך איינע פון אירע גרעסטע פראדוצירער. מעיפל פראדוקציע איז א סטעיפל פון צענטראלע ניו יארק און אונזער סטעיט'ס אגריקולטוראלע אינדוסטרי אין אלגעמיין. דורכאויס דעם סעזאן, לאמיר נעמען די צייט צו שטיצן אונזערע לאקאלע מעיפל פראדוצירער און אונזערע לאקאלע פארמס."

**ניו יארק סטעיט מעיפל פראדוצירערס אסאסיאציע עקזעקיוטיוו דירעקטארין העלען טאמעס האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט'ס מעיפל סעזאן איז אין פולסטן קראפט אינעם צייט וואס מיר הויבן אן די מאנאט פון מערץ. געוועגליך איז דא א אויסזאפונג צערעמאניע אויף מערץ 1 וואס צייכנט די אנהויב פון די סעזאן. מיר זענען אלע איינשטימיג אז די וועטער די ווינטער איז געווען אנדערש ווי נארמאל - קאלטע וואכן מיט אביסל שניי נאכגעפאלגט דורך ווארעמע וואכן וואס האט אויסגעמעקט די צודעק פון שניי. אונזערע מעיפל פראדוצירער האבן געדארפט זיין גוט צוגעגרייט אויסצוזאפן זאפט פריער ווי געוועגליך. אסאך ניו יארקער פראדוצירער באריכטן אז זיי האבן שוין ארויסגענומען מער פון האלב פון זייער

אלגעמיינע זאפט פונעם סעזאן. די קוואליטעט איז אויסנאם גוט וויבאלד ערשטע אויסזאפונגען זענען אסאך מאל די בעסטע פון די סעזאן. מיר קוקן ארויס צו ניו יארק מעיפל וויקענדס מערץ 16-17 און 23-24 ווען מיר לאדענען די פובליק צו קומען צו די פארם און זען די פרעצדור און אויספרובירן די רעזולטאטן!"

**ניו יארק פארם ביורא פרעזידענט דעיוויד פישער האט געזאגט,** "עס קען נישט ווערן זיסער ווי מערץ מעיפל מאנאט אין ניו יארק סטעיט. מעיפל פראדוצירער עפענען זייערע טירן צו ווייזן זייערע פארם אפעראציעס וואס קער איבער צוזאמגענומענע זאפט צו געשמאקע מעיפל סירופ פראדוקטן. ניו יארק פארם ביורא מוטיגט אלע ניו יארקער צו געניסן פון די קורצע סעזאן און שטיצן זייערע לאקאלע פארם פאמיליעס, און מיר דאנקען גאווערנער האקול און קאמישאנער באל פאר די זטיצע פון די וויכטיגע טייל פון די סטעיט'ס פארשידנארטיגע פארם קאמיוניטי."

**קארנעל קאאפעראטיוו עקטענשין פון אנאנדאגא קאונטי עקזעקיוטיוו דירעקטאר דעיוויד סקעוואל האט געזאגט,** "טייל פון די בעסטע צוקער מעיפל אין די וועלט וואקסט אין אנאנדאגא קאונטי, ניו יארק. צוקער מעיפל מאכט אויס נאנט צו 70% פון אלעביימער וואס וואקסן אין אנאנדאגא קאונטי. דאס, אינאיינעם מיט אונזערע פילצאליגע בערג, מאכט אנאנדאגא קאונטי די בעסטע פלאץ פאר מעיפל זאפט פראדוקציע. מיר זענען דאנקבאר פאר די שטיצע וואס ניו יארק סטעיט אגריקולטור און מארקעטס שטעלן צו פאר די מעיפל אינדוסטרי און זענען זייער שטאלץ פון אונזערע מעיפל פראדוצירער."

**אנאנדאגא קאונטי ערד און וואסער אנהאלטונג דיסטריקט עקזעקיוטיוו דירעקטאר מארק בורגער האט געזאגט,** "מיר אנערקענען און זענען דאנקבאר פאר <u>אלע</u> אונזערע מעיפל פראדוצירער איבער גאנץ ניו יארק סטעיט! נישט נאר וואס זיי העלפן אונז פייערן די ערשטע רעכט פון פרילינג, נאר זיי געבן אונזער איינע פון נאטור'ס מערסטע נארהאפטיגע און געזונטע נאטורליכע צוקערס! מיר מוטיגן אלע ניו יארקער צו שטיצן זייערע לאקאלע פראדוצירער און פייערן די וואונדערליכע טראדיציע!"

די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס ( Department of Agriculture and Markets) שטיצט די מעיפל אינדוסטרי דורך די ניו יארק סטעיט בודזשעט – וואס רעכנט אריין פינאנצירונג פאר אדווערטייזמענטס און פאר עדיוקעישענאל פאגראמען – און אזוי אויך דורך אינוועסטירונגען אין פארשונג פראיעקטן, ווי צום ביישפיל קארנעל אוניווערסיטעט'ס מעיפל פראגראם'ס Arnot וואלד צו אויסלערנען סטודענטן, און דורך אירע NYS געוואקסן און סערטיפייד ( NYS Grown & Certified) און Taste NY מארקעטינג פראגראמען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן